39 דבֿרים חיים צו געבּן צו אונז; צו וועמען אונזערע
פֿאָטערס האָבּן נישט געוואָלט זיין געהאָרכזאַם,
נאָר האָבּן אים אָפּגעשטויסן און אין זייערע הערצער
40 זיך געקערט קיין מצרים, און געזאָגט צו אהרנען:
מאַך אונז געטער, וואָס זאָלן גיין פֿאַר אונז; וואָרום
דער דאָזיקער משה, וועלכער האָט אונז אַרויס־
געפֿירט אויס דעם לאַנד מצרים, ווייסן מיר נישט
41 וואָס עס איז געשעען צו אים. און האָבּן געמאַכט
אַ קאַלבּ אין יענע טעג, און געבּרענגט אַ קרבּן
צום אָפּגאָט און זיך געפֿריידט מיט די מעשים פֿון
42 זייערע הענט. און ג־ט האָט זיך אָפּגעקערט און
זיי איבּערגעגעבּן צו דינען די הערשאַפֿן פֿון הימל,
אַזוי ווי עס שטייט געשריבּן אינם ספר פֿון די נבֿיאים:

צי האָט איר מיר (דען) מקריב געווען זבחים און
מנחות
פֿערציק יאָר אין דער מדבר, אָ בית ישראל?
43 און איר האָט אויפֿגענומען דאָס געצעלט פֿון
מולך
און דעם שטערן פֿון דעם ג־ט רמפֿן (ראָמפֿאַן),
די בּילדער, וואָס איר האָט געמאַכט,
זיך צו בּוקן צו זיי.
און איך וועל אייך פֿאַרטרייבּן אויף יענער זייט
בּבֿל. (ירמיהו ז, יח; יט, יג; עמוס ה, כה־כז.)

44 דאָס משכן העדות איז געווען בּיי אונזערע עלטערן
אין דער מדבר, אַזוי ווי ער האָט בּאַפֿוילן, וועלכער
האָט גערעדט צו משהן, אַז ער זאָל עס מאַכן לויט
45 דעם געשטאַלט, וואָס ער האָט געזען. וועלכעס
אונזערע עלטערן מיט יהושע האָבּן גענומען און
אויך אַריינגעבּרענגט אין דעם אייגנטום פֿון די
פֿעלקער, וואָס ג־ט האָט אַרויסגעטריבּן פֿון פֿאַר
אונזערע עלטערנס פּנים, בּיז צו די טעג פֿון דוד: